בעזהשי"ת

# דבר חריף

## פרשת ויצא

נלקט משיעריו של

**הגה"צ ר' יהושע העשיל שארף שליט"א**

רב ואב"ד חסידי רוזין קרית יואל

הוצאת מובחר

## צו הערן שיעורים

**אויף א דירעקטע ליין פון**
**מערכת קול לשון**

**בארץ ישראל – 073.321.1792**

**בארה"ב - 646.934.6134**

# פרשת ויצא תשפ"ה

בעזרת השי"ת מען געפינט זיך פרשת ויצא. ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה. ויצ"א איז אותיות וי-צא, ו"י צ"א מיינט עס קומט ארויס א וי' פון יעקב וואס איז מרמז אויף דאס אידיש קינד ,

ווי לאנג מען געפינט זיך אין גלות מעג מען אמאל געבן א קרעכץ, ס'שטייט פון ר' נחמן ברסלבער, א קרעכץ איז אלעמאל חשוב ביים אייבערשטן.

אפילו מצד אחד שטייט פון הייליגן ריזשינער זי"ע אז א קרעכץ ברענגט א קרעכץ און א הודאה ברענגט א הודאה, א איד דאנקט דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך, מען זאגט אז דאס איז גוט, וועט די אויבעשטער מאכן זיכער אז ס'זאל זיין אזוי גוט און נאך בעסער.

נאכדעם איז דא א איד וואס גיט א קרעכץ, אויף יעדע זאך קאמפלעינט ער, וועט ער זען ס'קען זיין ערגער, און ער וועט שוין זען אז דאס איז געווען גוט.

וי - צא, ס'גייט ארויס א וי, יעקב, פון א איד, אבער די ענין פון געבן א קרעכץ, מען דארף וויסן ווי איין ווי אויס, קודם כל, וי צא, - איז צ"א וואס איז די שם השילוב בזמן הגלות, קומט אויס אז צ"א איז מרמז אויף די ענין פון גלות, גיט מען א קרעכץ אויף די גלות דאס איז זיכער גוט.

עס שטייט אין תהלים קלי למה עזבתנו, א מענטש זאגט קלי למה, פארוואס, ער מיינט נישט צו פרעגן קשיות, אבער ס'גייט ארויס א קרעכץ פון א איד, עזבתנו איז א לשון פון עזוב תעזוב עמו, א לשון פון העלפן, א איד גיט א קרעכץ, א קרעכץ קען העלפן אויך,

אבער מען דארף קענען דאנקן אויך, א איד דארף געדענקן צו דאנקן דעמאלטס ווען ס'גייט אים גוט, נישט ווארטן ביז ס'גייט אים נישט גוט און דעמאלטס זיך דערמאנען, ס'איז דא צוויי אופנים וואס מען קען געדענקן פון אויבערשטן, איינס קען מען געדענקען פון אויבערשטן דורכדעם וואס ס'גייט גוט און 'אה ב"ה ס'גייט אזוי גוט,

דוד המלך זאגט אין תהלים מי חכם וישמר אלה ויתבוננו חסדי ה', א מענטש וואס ס'גייט אים גוט און ער וויל ס'זאל ווייטער גיין גוט, מי חכם ער איז א חכם, וישמר אלה, ער וויל ס'זאל בלייבן די חסדים, וישמר אלה, ער וויל ס'זאל האבן א קיום די חסדים, איז ויתבוננו חסדי ה', זאל ער שטענדיג זיך מתבונן זיין די חסדי ה', אלע חסדים וואס ער איז

ארומגענומען מיט, דאנקן דעם אויבערשטן, אינמיטן מודים זאגט מען מגן ישענו, דער אייבערשטער באשיצט אונזער ישועה, וואס הייסט?

אז די ישועה זאל האבן א - קיום, וואס א מענטש ווען ס'גייט אים גוט ער וויל ס'זאל ווייטער גיין גוט, אוודאי מענטשן האבן ליב אלעס גייט נאטירליך און אלעס פארט א מחיה, מען דארף גארנישט טון, אלס פארט פארט, ס'גייט גוט, נו ביים דאווענען דריי מאל א טאג דארף מען זיך אפשטעלן ביי מודים, מען זאגט באשעפער ס'גייט מיר יעצט גוט איך דאנק דיך, א ש'כח. מען דארף נישט מער ווי א ש'כח. איין ש'כח.

ס'שטייט ווייטער אין די סדרה ויחלום והנה סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, מען דארף וויסן.. ס'שטייט דאך אז יעקב אבינו איז גארנישט געשלאפן בשם ועבר,

ער איז אנגעקומען צו די מקום המקדש ער איז געגאנגען שלאפן, האט ער געזען די גרויסקייט פון שלאפן, וואס איין שלאף קען אויפטון,

איך געדענק נישט אויף וועלכע צדיק מען זאגט אז ער פלעגט זיך קיינמאל נישט לייגן שלאפן, ער איז געגאנגען שלאפן אויף א בענקל, ער פלעגט זיך קיינמאל נישט לייגן שלאפן אויף א בעט,

אבער איין טאג האט ער זיך געלייגט שלאפן אויף א בעט און ס'איז געקומען צו די שירה האט ער געפילט אזא התרוממות אז מען האט געזען ווי ער הייבט אויף זיין בעקיטשע ס'זאל נישט נאס ווערן פון די גלי הים דארט ביי קריעת ים סוף,

ער האט אזוי גוט געשפירט דעמאלטס אז ער האט געזאגט אז ס'איז א שאד ער האט זיך נישט געלייגט שלאפן יעדע נאכט.

ווען א מענטש שלאפט קען ער נישט זיין קיין הולך, - א מענטש איז א הולך, א מענטש קען נישט זיין קיין עומד, ער קען זיין אדער א יורד אדער א הולך, קיינער זאל נישט זיין קיין יורד יעדער זאל זיין א הולך, אבער א עומד קען מען נישט זיין,

א מלאך איז א עומד, א עומד האט נישט קיין תכלית אויף די וועלט, צו זיין א הולך דארף מען זיין א מענטש, און צו קענען זיין א מענטש דארף מען שלאפן, אבער בשעת מען שלאפט קען מען נישט זיין קיין הולך,

ווייל בשעת'ן שלאפן דארף מען זיין אויף איין פלאץ, דארף די קאפ זיין אויף איין פלאץ, א מענטש אז די קאפ פארט אים קען נישט שלאפן. פרעג א בעל מחדש וואס איז מחדש חידושים, רוב חידושים פאלן איין בשעת'ן שלאף, פארוואס, ווייל די קאפ פארט.

אגב איז אן עצה איינצושלאפן צו הערן א שיעור אין גמרא וואס דאס טוישט די מהלך המחשבה צו טראכטן מער גראד כדי צו קענען איינשלאפן און נישט מחדש זיין

ויחלום והנה סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו, אז ס'קומט צום שלאפן גיט מען איבער פאר די מלאכים די בחינה פון עולה ויורד און מען דארף יעצט ביים שלאף זיין אן עומד. די עולים ויורדים דארף מען לאזן פאר די מלאכים בשעתן שלאפן.

דעמאלטס טוישן מען זיך תפקיד מיט די מלאכים, ביים שלאפן ווערט די מענטש א מלאך און די מלאכים קענען איבערנעמען די תפקיד דעמאלטס. א מענטש דארף וויסן אז מקען נישט שלאפן נאר צוויי דריי שעה א נאכט, ס'איז דא יונגעלייט וואס שלאפן נישט א גאנצע נאכט, זיי שלאפן נאר נאכמיטאג.

מען דארף וויסן אז ס'איז טאקע א גוטע זאך אפשר אבער מען דארף האבן א אויסגערוטע קאפ, אזוי איז די בעסטע זאך.

סאיז אלס דברים פשוטים, איך זאג סתם חיזוק, אז איינער שלאפט אביסל און ער טראכט איך פארפאס עפעס, סאיז גארנישט דא צו פארפאסן. די רמב"ם פסקנט אז מדארף שלאפן אכט שעה א נאכט

די הייליגע דברי חיים זי"ע האט אמאל אויסגעשמועסט אז בעצם וואלט ער געשלאפן אכט שעה ווי די רמב"ם נאר די דברי חיים האט געזאגט אזא לשון איך האב ב"ה א שנעלע קאפ און איך כאפ די גאנצע שלאף אין צוויי שעה

וואס די דברי חיים האט אויך מעיד געווען אויף זיך אז ער פלעגט איינשלאפן די ערשטע רגע וואס ער האט זיך געלייגט אויפן קישן

די פסוק זאגט ווייטער אין די סדרה והנה ה' נצב עליו, סאיז דא א ניגון אויף די ווערטער והנה ה' נצב עליו ומלוא כל הארץ כבודו, מביט עליו בוחן כליות ולב אם עובדו כראוי.

די בחינה פון הבטה, דער אייבערשטער איז מביט, - ס'איז דא ראיה און ס'איז דא הבטה, ראיה מיינט אז מען קוקט מיט א לייכטערע בליק

לאמיר זאגן א יונגערמאן וואס דרייווט א קאר דארף דרייוון ער קען נישט פארמאכן די אויגן, און מען דארף וויסן וויאזוי צוצוגיין צו די שמירת עינים,

ס'איז דא א בחינה פון ראיה, ס'איז דא א בחינה פון הבטה. דאס הייסט אין אנדערע ווערטער, איינער וואס דרייווט נישט און ער וואקט ער שפאצירט אין גאס, קען ער זיך מצמצם זיין נישט ארויסצוקוקן ד' אמות,

וואס אגב ס'שטייט רק בעיניך תביט ושילומת רשעים תראה, א מענטש וואס קוקט בעיניך, ער נוצט די אויגן, אכין ורקין מועטין, רק, א מענטש איז ממעט זיינע אויגן, אז ער קוקט אויף אראפ,

בעיניך תביט, ער קוקט אויף אראפ, און ס'איז א בחינה פון הבטה, ער שטרענגט איבער די אויגן, ווען מען קוקט מיט דיי בחינה פון הבטה, הבטה מיינט א שטערקערע קוק, ער שטרענגט איבער די אויגן, א מענטש וואס גייט מיט שמירת עינים, שטרענגט איבער די אויגן,

ווייל א מענטש גייט אזוי נאטורליך ער וויל גיין מיט ורעה אמונה, רעה אמונה מיינט דאס וואס שטייט ה' רועי לא אחסר, דער אייבערשטער איז מיין פאסטוך, א פאסטוך נעמט קעיר פון זיינע שעפעלעך, און מען ווארפט זיך ארויף אויפן אויבערשטן און מען דארף נישט טראכטן אויף יעדן קליינע רור זאל איך יעצט טון אזוי צו אזוי א.א.וו.

די אויבעשטער פירט מיך  אזוי ווי א פאסטוך אויב א שעפעלע גייט אראפ פון די דרך הישר קומט די פאסטוך און מיט זיין שטעקן מאכט ער גלייך זיכער אז ער זאל גלייך צוריק ארויפגיין אויפן דרך הישר.

ה' רועי לא אחסר, אז דער אייבערשטער איז מיין פאסטוך, וועט דער אייבערשטער נישט ברענגען קיין חסרון.

א מענטש וואס וויל זיך קאנטראלירן, ער ווייסט נישט אז דער אייבערשטער קען סאך בעסער פון אים ,א מענטש איז זיך מצמצם מיט איין זאך, ס'איז א מורא'דיגע צמצום פאר א מענטש, צו טראכטן אזוי פיל און צו וועלן קאנטראלירן די מצב, השלך על ה' יהבך, ווארף דיך ארויף אויפ'ן אייבערשטן.

ס'שטייט ווייטער אין די סדרה ביי לאה אז זי האט געזאגט הפעם אודה את ה', אז א מענטש זאגט הפעם, פון יעצט און ווייטער, נעם איך מיך נישט קיין חילוק וואס איז געווען ביז יעצט אודה את ה', וועט ער האבן אויף וואס צו דאנקן די אויבערשטער,

 ווען א מענטש נעמט זיך פון פריש, אפילו איך בין ביז יעצט געגאנגען אזוי מיט א צמצום, יעצט ווארף איך מיר ארויף אויפ'ן אייבערשטן, אלע דאגות לאז איך איבער פאר אים, וועסטו זען ס'וועט זיין א גרינגערע לעבן, סאך א געשמאקערע לעבן, אלעס וועט גיין כשורה.

איז צוריק צום ענין, האמיר געשמועסט רק בעיניך תביט,  ביי שמירת עינים דארף זיין די ענין ווי ס'שטייט אין פסוק שכן ארץ ורעה אמונה, שכן ארץ מיינט א איד דארף רוען פון די ארציות, ורעה אמונה - ווען קען מען גיין מיט ורעה אמונה די בחינה פון ה' רועי לא אחסר, דעמאלטס ווען ס'איז שכן ארץ ווען מען רוהט פון ארציות,

אויב די מענטש ווייסט אז ס'קומט צו תאוות און צו נסיונות דעמאלטס וועסטו זיך יא קאנטראלירן, דעמאלטס קענסטו גיין מיט רעה אמונה, אויב וויל מען די בחינה פון רעה אמונה אז א איד פאשעט זיך ביים אויבערשטן, ער לאזט זאכן גיין נאטורלעך די בחינה אז ער גייט נישט קאנטראלירן די וועלט,

דעמאלטס קען מען גיין מיט רעה אמונה אויב איז דא שכן ארץ מען ווייסט בעת א נסיון קען מען זיך נישט פארלאזן אויף דעם אז אלס גייט נאטורליך אזוי ווי ביי די געהעריג ורעה אמונה

 אבער אויב איז נישטא שכן ארץ, און מען ווייסט נישט ווען ס'קומט א נסיון זיך מתגבר צו זיין און מאכן גדרים וסייגים, דעמאלטס קען מען נישט גיין מיט רעה אמונה, שכן ארץ איז א תנאי פאר די רעה אמונה.

צוריק צו די שמירת עינים, איז רק בעיניך תביט, אכין ורקין מועטין א איד איז זיך ממעט פון קוקען מיט די אויג מדאס הייסט ער היט זיך די אויגן - א איד שטרענגט זיך איבער ביי שמירת עינים און ער ווייסט יעצט בין איך באלעבאס און איך דארף מיך יא קאנטראלירן, - אז ס'איז דא שמירת עינים איז דא אלס, יראת שמים הייבט זיך אן ביי די עינים.

וועט מען פרעגן, איך דארף אריבערגיין די גאס ווי אזוי גיי איך זען

ווי איך גיי אריבער די גאס, זאגט די פסוק ווייטער רק בעיניך תביט ושלימות רשעים תראה, די רשעים קוקן יא, זייער שלימות איז יא קוקען ליידער, זיי וועלן דיר שוין ווייזן וואו צו גיין. ווייל זיי קוקען דאך יא.

איך געדענק אלס בחור בין איך געווען אין ירושלים, דארט איז דא אידן וואס זענען גאר גרויסע עובדים, ממש אפילו זיי וועלן אריבערגיין די גאס געבן זיי אזא קליינעם בליק ארויף צי זען צי ס'איז רויט אדער גרין, און נאכדעם געגאנגן ווייטער מיט די כי תצא למלחמה על אויביך.

נאכאמאל, ס'איז דא מדריגות אין שמירת עינים, אבער פשוט איז דא א בחינה פון ראיה מיט הבטה, ווי דערמאנט איינער וואס דרייווט מיז דאך ניצן ראי' און הבטה מיינט א שטערקערע קוק, טראכטן, ראיה מיינט קוקן, און יעדער איינער דארף וויסן פאר אים נוגע ווי איין ווי אויס,

עכ"פ ווען א איד היט זיך די אויגן, ס'איז דא יראת שמים, דעמאלטס. יראת שמים היא אוצרו, די אוצר פון אלעס,

די אוצר מיינט - וואו האלט מען געלט? אין א אוצר, א אוצר איז די שמירה פון א זאך, אין א אוצר היט מען די געלט, א סעיף, א איד וויל שמירה אויף אלע זיינע השפעות דארף ער וויסן אז יראת שמים איז די שמירה,

און אויב האט מען ליידער פארפאטשקעט, איז ביי יהודא שטייט הפעם אודה את ה', ער וויל שולט זיין אויף זיך, יהודא איז א מלך, א מלך איז

א שליט, ביי אים שטייט הפעם אודה את ה', איך נעם מיך פון יעצט און ווייטער, וועסטו מצליח זיין אין עבודת השם און שפעטער האבן אויף וואס צו דאנקן די אייבערשטער.

ביי לוי שטייט הפעם ילוני אישי איז אויך די זעלבע זאך, הפעם, א מענטש נעמט זיך פון פריש און ער וויל זיך נעמען פון פריש, איז ילוני איז א לשון פון חיבור וועסטו ווערן מחובר צו די זאך מחובר צו די עבודת השם

איך האב געזאגט אן אנדערע בחינה אמאל. ס'איז דא וואס האלטן נישט פון מאכן קבלות ווייל ס'קען אריינגיין בגדר נדר, ס'איז דא וואס האלטן מען דארף יא מאכן קבלות, ווייל מען קען זיך פארלאזן אויף ערב ראש השנה ביי התרת נדרים, זאגט מען דעמאלטס א לשון אויף מכאן ולהבא,

עכ"פ די חשיבות פון א קבלה איז זייער א וויכטיגע זאך, אז א מענטש וויל, ער האט א געוויסע זאך וואס ער וויל אויספירן און ער קען עס נישט אויספירן, מען מאכט א קבלה האלט מען צו די זאך, א קבלה לייגט אריין א כלי,

ווייל א מענטש מאכט א קבלה ווערט באשאפן א מלאך וואס היט אויף דעם אז ער זאל נישט עובר זיין די קבלה. ס'איז דא א מלאך וואס באגלייט אים, אז ס'איז דא א מלאך וועט די מלאך טוט היטן אויף אים ער זאל נישט עובר זיין אויף די קבלה.

דאס איז די פשט הפעם ילוני אישי שטייט ביי לוי אז א איד מאכט אפ פון יעצט און ווייטער וועל איך זיין גוט, הפעם, דאס מאל, וועט זיין ילוני, וועט

אים באגלייטן די קבלה די מלאך וואס היט אויף די קבלה און סוועט זיין,

אישי, ס'וועט זיין א בחינה פון התלהבות, א בחינה פון אש, התלהבות, ער וועט קענען אויספירן וואס ער האט צו טון אן קיין נאכגעלאזקייט נאר מיט א התלהבות.

ווייטער שטייט ויפגע במקום וילן שם כי בא השמש, ויפגע זאגן צדיקים, מען דארף פגע'ן ביים אייבערשטן, א איד זעט ער וויל א געוויסע זאך און ס'גייט אים נישט, זאל ער פגע'ן איינמאל און נאכאמאל.

מען דארף אבער וויסן, אמאל, אז א מענטש האט נישט אזא גדלות המוחין צו פגע'ן פון אייבערשטן,

לאמיר זאגן ער האט אריכות'דיגע זאך וואס ער וויל פגע'ן פון אייבערשטן, ער וויל א געוויסע זאך וואס ער דארף און בעט איבער איינמאל און נאכאמאל און ער ווערט פארלוירן, ווייל איבערצובעטן א לענגערע בקשה איז שווער צו בעטן איינמאל און נאכאמאל

דארף מען וויסן אז אפילו, ויפגע במקום, אז אפילו ער פגע'ט דעם אייבערשטן, וילן שם און ער שלאפט איין בשעתן בעטן, אז ער פילט אז ער קען נישט אויספירן די תפילה וואס ער דארף איבערזאגן א לענגערע לשון תפלה איינמאל און נאכאמאל

זאל ער וויסן כי בא השמש, ס'האט שוין אויפגעשיינט זיין ישועה די ערשטע מאל ער האט געבעטן

א חלק פון די ענין פון פגע'ן פון אייבערשטן, איז אז ווילאנג דו בעטסט ביסטו מחובר צום אייבערשטן, דו האלטס און איין בעטן, אז א מענטש מאכט אפ אנשטאט דאווענען וויל ער לערנען,

ווי לאנג ער איז מחובר לטהור איז ער טהור, מען האט יראת שמים איז ער אויך מחובר לטהור, אלע די ענינים, די עיקר צו בלייבן מחובר צו די עבודת השם.

מען דארף וויסן אז ווי לאנג מען איז אין די ווענט פון כולל, אין די ווענט פון ד' אמות של הלכה, אין ביהמ"ד דעמאלטס האט מען א שמירה, אזוי ווי די ערי מקלט סיי צו מלערנט מיט די חברותא און סיי אז מען לערנט אליינס.

די סעקונדע מען גייט ארויס פון לערנען קומט די יצר הרע מיט זיינע באמבעס און ער קען דרייען א קאפ אזוי ווי עס דארף צו זיין.

ביי די מעשה פון די אקדמות וואס מליינט שבועות דארט זענען דאך שטיינער געפלויגן פון די סמבטיון, שטיינער זענען געפלויגן העכער די וואסער, און אונטער די וואסער איז איז נישט געפלויגן קיין שטיינער, אין מים אלא תורה, ווי לאנג מען איז אונטער די וואסער פליען נישט קיין שטיינער,

אז מען נעמט ארויס די קאפ פון לערנען הייבן אן פליען שטיינער, שבת איז אויך נישט געפלויגן קיין שטיינער, א תלמיד חכם איז בבחינת שבת, ווי לאנג מען לערנט איז נישטא קיין שטיינער.

אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה, אבן מיינט מען די יצר הרע אם אבן הוא נימוח, א מענטש איז מואס אין יצר הרע, היתה לראש הפינה, דעמאלטס, אין א ווינקל פון א צימער, מען נעמט א שטעקן מען לייגט עס אין א ווינקל וועט עס האלטן,

אבער אויב מען לייגט עס אינמיטן א צימער וועט עס געבן א פאל אראפ מען וויל קענען שטיין גראד, כדי מצליח צו זיין אין עבודת ה' דארף מען מואס זיין אין די יצר הרע, פיינט האבן די יצר הרע, זיך עקלען פון אים.

איך וויל איבערזאגן א קורצע ווערטל, אז מרעדט פון שטיינער ס'שטייט ביי די חלום פון יעקב אבינו איז געווען, התחילו מריבות זו עם זו,די שטיינער האבן זיך געשלאגן איינע מיט די אנדערע,

און וואס איז געשען צום סוף, ס'איז געווארן איין שטיין. ס'איז דא א ווערטל, לכאורה האט זיך דא אפגעטוהן א גאנצע וועלט מלחמה, פארוואס, ווייל ס'איז געווען קיפל כל ארץ ישראל תחתיו,

און ארץ ישראל איז גבוה מכל הארצות, קומט אויס די גאנצע וועלט איז געווען אונטער יעקב אבינו, און די שטיינער וואס האבן זיך געשלאגן איז געווען א בחינה פון א וועלט מלחמה,

וואס איז די ענדע פון א וועלט מלחמה?, "איינשטיין" סאיז געקומען אן איינשטיין און געמאכט אן אטאם באמבע און דאס האט געענדיגט די צווייטע וועלט מלחמה, די זעלב דאהאט די אויבעשטער געמאכט א נס און אלע שטיינער זענען געווארן איין-שטיין און עס האט זיך געענדיגט די מלחמת האבנים.

אנפאנג סדרה שטייט וילך חרנה, יצא ללכת לחרן, ווען א מענטש גייט ארויס פון די בית המדרש, יצא ללכת, א מענטש וויל שוין ארויסגיין פון די עבודת ה', פון ביהמ"ד דארף מען שטארק אכטונג געבן נישט צוצוקומען צו א מצב פון חרון ח"ו

וואס הייסט וואס איז די עצה? מען גייט ארויס אין גאס מען גייט אהיים, די הויז דארף נישט זיין מער ווי א דארמיטארי, אלס בחור שלאפט מען אין דארמיטארי, א יונגערמאן דארף אויך וויסן די היים איז נישט מער ווי א דארמיטארי, עכ"פ אין די וואכן.

פארשטייט זיך אריינברענגען א חיות און שמחה אין שטוב און ארייגלייגן כחות און חינוך הילדים אבער די עיקר איז די כותלי ביהמ"ד

די הייליגער רוז'ינער זי"ע האט זיך אמאל אנגערופן צו א חבורה אינגעלייט - "יונגעלייט גיטס אכטונג ווי אזוי עטס רעכנטס אפ ענקער נעכט. רעכנטס אפ ערליך ענקער נעכט!"

און מוועט מסיים זיין מיט אזא ווארט, אסאך מאל טראכט איינער צו זיך צי ער שטייט יא גוט צי ער שטייט נישט גוט - רבים אומרים מי יראנו טוב נסה עלינו אור פניך ה', אסאך מענטשן טראכטן מי יראנו טוב, איך שטיי גוט? יראנו טוב, ווי זע איך אויס ביי יענעם?

זאגט די פסוק ווייטער נסה עלינו אור פניך ה', סאיז נאר א נסיון פונעם אויבערשטן דאס אז דו מיינסט אז דו שטייסט נישט גוט יעדע איד באשר הוא שם שטייט גוט, ער קען נישט שטיין בעסער,

אז ס'וואלט געקענט זיין בעסער וואלט געווען בעסער, איי ס'וואלט דאך געקענט זיין בעסער, "אבל" אנחנו ואבותינו חטאנו, אבל - דער אבער דאך - איך וואלט געקענט זיין בעסער, דאס איז א בחינה פון א חטא, אנחנו ואבותינו ס'איז א חטא פאר זיך אליינס

און א חטא פאר אבותינו - אבותינו איז א לשון פון רצון - די רצון וואס מרעדט זיך איין אז סקען זיין בעסער

א מענטש ס'גייט אים גוט לאז עס אזוי ווי ס'איז מדארף נישט וועלן מער מען לאזט עס לויפן ווי לאנג ס'איז גוט. די ווארט שלום וואס איז א לשון פון שלימות מיינט אויך זיין צופרידן סאיז נישט דא קיין גרעסערע שלימות ווי זיין צופרידן ווען מדארף זיין צופרידן,

א מענטש איז צופרידן איז נישט קיין גרעסערע ברכה פון דעם, א מענטש וויל האבן שלימות און ער וויל ס'זאל זיין גוט ארום און ארום, זיין צופרידן איז די בעסטע זאך.

ס'קען זיין מער, אוודאי קען זיין מער אבער ווי לאנג ס'איז גוט לאז עס גוט, טוב מאוד זה יצר הרע, די יצר הרע וויל ס'זאל זיין טוב מאוד, ווי לאנג ס'איז טוב דאס איז די יצר טוב.

ס'שטייט והיה זרעך כעפר הארץ, אין והיה אלא לשון שמחה, זרעך איז תולדות, תולדות זענען תוצאות; א מענטש איז אביסעלע בשמחה, און צופרידן א מענטש איז אביסל בשמחה, זרעך, האט ער תוצאות כעפר הארץ, גרויסע גרויסע השפעות, אלס גייט גוט, מיט אביסל שמחה - איזהו עשיר השמח בחלקו.